**דער טונקעלער**

## נחת פֿון אַ זון

דערציילט פֿון אַ טאָמסקער ייִדענע, וואָס רעדט אַרויס זייער שאַרף אַ "ר"

מסתּמא מיר אָנגעחתמעט פֿון גאָטן נאָך פֿון ערבֿ שבת הגדה, אַז איך זאָל האָבן דאָסאַדע הייַנטיקן יאָר... איר אויף מיר קוקט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָס איך קען ריידן אידעש ? – ווען איך נאָך געווען אַ קאַלנע – איך נישט געקענט ריידן אידעש, אָבער גאָרנישט... מיר דער שוחט אויסגעלערענט ריידן אידעש, גוט... מייַן מאַן געזען, איך קען ריידן אידעש גוט – ער מיר געקויפֿט אַ פּאָר סערגעס... גרויסע, אַזאַ שטיק גאָלד זאָל... אַ משיח קומען...

עך, דאָס געווען אַ מאַן !... ניקאָלייַ מיכייַלאָוויטש, צאַרסטוואָ יעמו נעבעסנאָיע... אַ ניקאָלייַעווסקער סאָלדאַט... סאַראַ פּאָטשאָט געהאַט ! איַי, איַי, איַי !... איך מיט אים געגאַנגען ראָשעשאָנע אין שול... דעם אַנדער טאָג מיר געגאַנגען... מיר ניט געגאַנגען דעם ערשטן טאָג... – מיר ניט געוווּסט... געקומען אַנטאָן איוואַנאָוויטש, אונדזער סאָסיעד. ער זאָגט : ניקאָלייַ מיכייַלאָוויטש, בייַ אייַך הייַנט פּראַזדניק – מיר געגאַנגען אין שול... אַ סלאַוונער טשעלאָוועק געווען מייַן מאַן... פֿאַר פּאָקראָווע געשטאָרבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַ גוטער בעטער... איך געקויפֿט אַ סוועטשקע... איך געוויינט... געוויינט. מיך איבערגעלאָזט אַ נעסטשאַסטנע וודאָוואַ... ניט זינדיקן קעגן גאָטן... איך געוווּסט, איך בלייַב אויף געהאַקטע צרות...

[...]